בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

פינחס

י"ט תמוז תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:17 | סוז"ת א' | 9:46 |
| סוזק"ש ב' | 9:09 | סוז"ת ב' | 10:21 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': לח

## טיב הפרשה

# די כח פון ריינע קנאות – א הצלה פארן כלל ישראל

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר ווי אזוי פנחס האט מקנא געווען קנאת השם און געמאכט א מעשה קנאות. דער פסוק לויבט אויס די מעשה און באטאנט אז א דאנק פנחס איז כלל ישראל ניצול געווארן פון איר צרה, אז הקב"ה האט נישט מכלה געווען דעם כלל ישראל.

ווען מען רעדט אין גאס איבער קנאות, וועט די מערהייט פון די מענטשן נישט גלייכן די קנאות. א קנאי וועט מען אנקוקן ווי א שלעכטער מענטש, ווי איינער וואס מיינט עס נישט אמת'דיג, און מען וועט אנרעדן שלעכטס אויף אים און אפירזוכן וועלכע נגיעה ער האט ביי די קנאות, און זאגן אז ער מיינט נישט אמת'דיג די מעשה הקנאות.

אבער ווען מען קוקט אויף די מעשה הקנאות פון פנחס, זעט מען פונקט די פארקערטע.

די תוה"ק דעקט אויף, אז א דאנק די מעשה פון פנחס איז כלל ישראל ניצול געווארן פון אלע ערליי גזירות, און די הצלה איז געווען סיי ברוחניות און אויך בגשמיות, ווייל נאך די מעשה הקנאות פון פנחס האט זיך די מגיפה אפגעשטעלט, ווי דער פסוק זאגט 'וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי'.

די נקודה האט זיך איבערגעשפילט מערערע מאל ביים כלל ישראל. עס איז זיכער ריכטיג אז דורכאויס די דורות איז געווען אזוינע וואס האבן אויסגענוצט די קנאות צו טרייבן זייער פריוואטע אינטערעסן אויפן חשבון פון דעם ציבור, אבער דער רוב פון זיי זענען נישט געווען אזוינע, נאר זענען געווען ערליכע אידן מיט אן ערליכער מהלך, מיט א ריינע מטרה, לעבנדיג מיט א ווייטאג פאר כלל ישראל און זיי האבן אויפגעטון אסאך גוטע זאכן פון וועלכע מען געניסט נאך פון זיי ביז צום היינטיגן טאג.

עס טוט ווי צו זען אז די וואס בארעדן די קנאים קענען נישט בשום אופן טרעפן א לימוד זכות אויף זיי, און אינדערצייט וואס די זעלבע מענטשן וועלן טרעפן א לימוד זכות אויף די גרעסטע פושעים און אוכלי נבילות וטריפות וועלן זיי נישט קענען אויסקראצן א לימוד זכות אויף די קנאים, נאר אנלייגן אז אלע זייערע מעשים זענען שלעכט און אומערליך.

עס איז דא א מורא'דיגע גמרא אין מסכת שבת [דף נ"ה ע"א] וואו די גמרא דערציילט אז בשעת די חורבן האט די מידת הדין געפאדערט אז אויך די צדיקים דארפן ווערן באשטראפט, און די טענה איז געווען אז זיי האבן נישט מוחה געווען אויף

<<< | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# – ♦ זֶה הָאִשֶּׁה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַה' ♦ –

מיר האבן ברוך השם זוכה געווען, אז עס זענען דא מער און מער בתי מדרשים אנגעפולט מיט הייליגע ספרים, און ווער עס וויל קען זיך אוועקזעצן און לערנען וואס ער וויל, סיי מוסר, סיי הלכה אדער אגדה. אבער דווקא וועגן דעם, קען פאסירן אז מיר זאלן פארגעסן וואס איז דער שורש און דער מקור פון אלעס. ווייל די גאנצע תורה און אלע ספרים, משניות און גמרא, ראשונים און אחרונים, זענען דאך אלע אן ערקלערונג פאר די חמשה חומשי תורה (עס פארשטייט זיך אליין, אז מיר קומען דא חלילה נישט גרינגהאלטן אנדערע סדרי הלימוד, און בפרט דאס וואס איז איינגעפירט צו לערנען אין די הייליגע ישיבות).

אויף די ווערטער פונעם פסוק אין די פרשה פון די וואך, "וְהַעֲמַדְתָּ אֹתוֹ לִפְנֵי אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְלִפְנֵי כָּל הָעֵדָה וְצִוִּיתָה אֹתוֹ לְעֵינֵיהֶם", ערקלערט דער "בעל הטורים", אז דיווארט "וְצִוִּיתָה" שטייט דא געשריבן מיט א ה, צו ווייזן אז זיי האבן געלערנט די חמשה חומשי תורה, און אזוי אויך ווייטער אין די פרשה, אויף די ווערטער פון פסוק "זֶה הָאִשֶּׁה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַה'", ערקלערט דער בעל הטורים, אז אויפן צווייטן ה' פון "הָאִשֶּׁה", זענען דא דריי תָּגִין, דאס ווייזט אז ווען מען איז עוסק אין די חמשה חומשי תורה, רעכנט דער אויבערשטער אויף אונז אזוי ווי מיר האבן מקריב געווען פינף סארטן קרבנות.

זעען מיר פון די ווערטער פונעם בעל הטורים, אז דאס לערנען חומש איז ממש אזוי ווי מקריב זיין קרבנות, און אזוי אויך, ווען משה רבינו האט געוואלט אריבערפירן די הנהגה צו יהושע, האט ער געלערנט מיט אים חומש.

דאס אלעס ווייזט אונז אז דאס חשיבות פון לערנען חומש האט נישט קיין אפשאץ, און עס איז באוואוסט אז ווען דער חפץ חיים זצ"ל פלעגט לערנען די סוגיות פון ש"ס, האט ער צום ערשט געלערנט די פסוקים אין חומש, און פון דעם חומש איז ער אריבערגעגאנגען צו די משנה און צו די גמרא ביז צו די הלכה פסוקה, און אזוי ווערט טאקע גע'פסק'נט הלכה, אז א מענטש איז מחויב צו דורכלערנען די גאנצע פרשה מיטן ציבור.

און אז מען רעדט שוין וועגן לערנען חומש, וועלן מיר באצייכענען די ווערטער פון מורינו ורבינו שליט"א, וואס ער טוט שטענדיג איבער'חזר'ן, אז מען וואלט געדארפט אויפשטעלן ספעציעלע ישיבות וואו מען זאל לערנען חומש מיט רש"י, ווייל אן זיך פארטיפן אין די ווערטער פון רש"י קענען מיר נישט פארשטיין די ווערטער פון די תורה.

אזוי אויך איז באוואוסט די מעשה וואס איז באקאנט געווארן מיט ארום פערציג יאר צוריק, ווען איינע פון די באוואוסטע ישיבות אין די הייליגע שטאט ירושלים זענען געפארן מיט אן אויטאבוס, און אויפן וועג האט זיך דער אויטאבוס איבערגעדרייט רחמנא ליצלן, און עטליכע פון די בחורים פון די ישיבה זענען ל"ע גע'הרג'עט געווארן. איז איינער פון די גע'הרג'עטע געקומען צו זיין חבר אין חלום און ער האט געזאגט צו אים: וויסן זאלסטו, אז איך האב נישט געהאט קיין שום יסורים, ווייל גלייך נאכדעם וואס מיין נשמה איז ארויסגעגאנגען, האט מען מיר אריינגענומען אינעם בית המדרש פון רש"י, וויבאלד ביי מיין לעבן פלעג איך לערנען קביעות'דיג חומש מיט רש"י.

(עפ"י טיב התורה-פנחס)

זמנים
אויף קבלת קהל
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

די מעשה.

זאגט דארט די גמרא, אז הקב"ה האט מלמד זכות געווען אויף זיי אז די צדיקים האבן געוואוסט אז אויך אויב זיי וועלן מוחה זיין וועט מען נישט אננעמען וואס זיי זאגן, און וועגן דעם האבן זיי נישט מוחה געווען.

אבער די מידת הדין האט זיך נישט געלאזט. ער האט צוריקגעזאגט אז עס איז אמת אז הקב"ה האט דאס געוואוסט, אבער די צדיקים האבן געדארפט מוחה זיין, און ווייל זיי האבן נישט מוחה געווען זענען זיי נענש געווארן.

אז מען וועט נאכגיין די היסטאריע וועט מען זען אז אין געוויסע שטעט האט זיך אידישקייט געהאלטן נאר א דאנק די מוחים. א ווייטאגליכער בייששפיל דערצו איז די שטאט צפת.

כידוע איז די שטאט צפת א הייליגע שטאט. עס האבן געוואוינט אין איר יראים ושלמים, און אין יענע צייטן איז עס איבערגעשטיגן ירושלים עיה"ק אין אירע מעלות.

מיין טאטע זצ"ל איז געבוירן געווארן אין צפת, און ווען עס פלעגט מיר אויסקומען צו זיין מיט מיין טאטע אויף א באזוך אין צפת פלעגט ער מיר אנווייזן אויף פארשידענע גאסן זאגנדיג אז ווען ער איז געווען א קינד איז דא געווען א תלמוד תורה, דא איז געווען א חדר, א כולל, א ישיבה, אבער ליידער איז פון דעם אלעם גארנישט געבליבן, די שטאט איז געווארן פריי און עס האט פארלוירן איר אמאליגער גלאנץ, ווען אין די זעלבע צייט גייט ירושלים עיה"ק מעלה מעלה.

אין די לעצטערע צייטן ווערט צפת צוריק ערליך, אבער ווען מיר פלעגן רעדן מיט מיין טאטע זצ"ל דערוועגן פלעגט ער באטאנען די נקודה אז עס איז געווען מלאה חכמים וסופרים אבער עס האט געפעלט אין איר די קנאים וואס זאלן קעמפן פאר די שטאט, וואס זאלן אראפשטעלן א יסוד אז דא אין די שטאט בלייבט מען ערליך, עס איז נישט געווען ווער עס זאל אריינטאנצן און אויפשטעלן אין איר ערליכע מוסדות על טהרת הקודש, און ליידער האט מען גוט געשפירט די נאכוויען.

עס קען זיין בדרך רמז, אז וועגן דעם איז די תוה"ק סומך די פרשה פון קנאות צו די פרשה פון די מועדים ווייל איינער גייט געקניפט אין די אנדערע, ווייל נאר א דאנק די עומדים בגדר האט מען זוכה געווען צו פראוועגען די מועדים, און ווי עס ווערט געפסקנ'ט אין די הלכה [אורח חיים סימן תקכ"ט סעיף ד'] אז אין די ימים טובים פאדערט זיך פון בית דין אוועקצושטעלן פאליציי-לייט וועלכע זאלן ארומגיין אין די פעלדער און אכטונג געבן אז די עוברי עבירה זאלן נישט טוען קיין עבירות דארט.

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין אז עס זאל רוען שלום ושלוה ביים כלל ישראל, און מען זאל ניצול ווערן מידי עבירה, און עס זאל נאר זיין טוב וחסד ביים כלל ישראל.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## דער באהאלטענער אוצר

נאך א שטיק צייט וואס איך האב ברוך השם זוכה געווען צו ציען פרנסה בשפע רב פון מיין ארבעט אין א געוויסער פאבריק און די זינגערייי וואס איך פלעג פארזינגען ביי חתונה'ס, אבער דער רעדל האט זיך א דריי געגעבן, און איך בין געבליבן אן קיין פְּרוּטָה לְפוֹרְטָה.

די זאך האט זיך אנגעהויבן נאך דעם וואס די פאבריק וואו איך האב געארבעט האט זיך פארמאכט. געציילטע טעג איידער דער יום טוב פסח האבן מיר דערהאלטן א מעלדונג אז נאך פסח זענען מיר ארבעטסלאז, די פאבריק גייט זיך שליסן.

נאך פסח איז אויך די ספירה טעג. אין די ספירה טעג איז נישט דא קיין זינגעריי ארבעט, און איך בין געבליבן אן קיין שום איינקונפט פאר פרנסה.

די טאשן זענען געווען ליידיג, איך האב געדארפט געלט פאר ברויט און מילעך, אבער דאס מערסטע האט מיר געבאדערט די דירה-געלט (שכירות/רענט).

עס איז אנגעקומען די טאג וואס איך דארף באצאלן די חודש'ליכע רענט, און עס איז נישט דא פון וואו עס צו נעמען. איך בין געווען מיואש, איך האב זיך ארומגעדרייט אן א קאפ אויף די פלייצע.

עס איז געווען איין נאכמיטאג ווען דער מצב האט דערגרייכט איר קלימאקס, איך בין געווען דערדרוקט און דערביטערט, אז איך האב געשפירט אז איך מוז אוועקגיין פון שטוב.

איך בין ארויס פון שטוב, איך האב נישט געהאט קיין קלארקייט וואו איך גיי, איך האב נאר געוואוסט אז אין שטוב קען איך נישט בלייבן. גייענדיג אזוי, ווען איך בין זיך אזוי מתבונן אין מיין מצב האט מיר אנגעכאפט א שטארקער ביטערניש און איך האב אויפגעהויבן מיינע אויגן צום הימל און גדאווענט א תפילה צום כֹּל יָכוֹל, די תפילה איז געווען מעומקא דלבא, עס איז געווען א געשריי פון 'מִן הַמֵּצַר', עס איז געקומען פון די טיפסטע טיפענישן.

נאך די תפילה האב איך געשפירט א געוויסע דערלייכטערונג, איך האב ממשיך געווען אזוי צו גייען און צו האפן ווען פלוצלונג קומט מיר אקעגן איינער פון מיינע נאנטע.

"ביסט בייז אויף מיר"? פרעגט מיר יענער.

איך קוק אים אן, און איך פארשטיי נישט וואס ער וויל פון מיר.

"וואס פעלט דיר איין"?

דער חבר ווייזט אויף זיין טעלעפאן.

"איך קלינג דיר איינמאל נאכן צווייטן, וְאֵין קוֹל וְאֵין עֹנֶה, דו ענטפערסט נישט מיינע רופן".

איך האב אים אנגעהויבן זאגן אז איך גיי אריבער שווערע צייטן און מהאי טעמא האב איך נישט געענטפערט.

מיין חבר האט אויסגעהערט מיין קלעם, און רופט זיך אן צו מיר:

"איך האב עפעס פאר דיר".

דערביי דערציילט ער מיר, אז ווי כ'ווייס שוין פון לאנג האט ער א ספעציעלער געשמאק אין נישטערן אין די 'גניזות' צו טרעפן דארט אוצרות.

"די וואך האב איך געגנישטערט דארט, און צו מיין וואונדער האב איך דארט באגעגנט א פאר האנט-געשריבענע בריוון פון גדולי ישראל. יעדער אזא בריוו איז ווערד א שיינע סומע".

דער חבר האט מיר אויסגעשטרעקט די בריוו און אויסגעפירט אז ער מיינט אז איין אזא בריוו וועט זיין גענוג צו דעקן מיינע חובות.

איך האב גענומען די בריוו פון אים און עס טאקע פארקויפט און געליזט דערפון א שיינע מטבע וועלכער איז געווען גענוג צו דעקן די קאסטן פון די רענט און אויך אז עס זאל מיר בלייבן געלט אין טאש.

די מעשה האט מיר אויסגעלערנט אז איך זאל נישט מייאש זיין פון ישועות השם, אבער נאך וויכטיגער פון דעם אז אינדערצייט ווען איך בין פארנומען זיך צו באקלאגן אויף מיין גורל, זאל איך ליבערשט געבן איין גוטע תפילה פארן בורא כל העולמים, און די ישועה וועט קומען צוגיין שנעלער און גרינגער ווי כ'קען זיך פארשטעלן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה נ.מ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה ספּואלס
אין פקס: 15326517922

# בְּרִית שָׁלוֹם

**"הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם – וְהָיְתָה לּוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם". (כה, יב–יג).**

עס ווערט געברענגט אין מדרש (במדב"ר כא א): ווי גרויס איז די מידה פון שלום, ווייל דאס איז געגעבן געווארן צו פינחס, און די וועלט פירט זיך נאר מיט שלום! און די גאנצע תורה איז שלום, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ג יז) 'דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם', די וועגן פון די תורה זענען אנגענעם, און אלע אירע וועגן זענען שלום. און אויב איינער קומט פון וועג, פרעגט מען אים 'שלום', און אזוי אויך אינדערפרי פרעגט מען 'שלום', און אין אוונט פרעגט מען ווייטער מיט 'שלום'. עס איז נישטא קיין כלי וואס האלט ברכה, נאר שלום, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים כט, יא) ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן, ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם, דער אויבערשטער געבט שטארקייט צו זיין פאלק, דער אויבערשטער בענטשט זיין פאלק מיט שלום.

האט דער רבי ר' בונם זצוק"ל פון פשיסחא ערקלערט (קול שמחה פרשא דידן) די כוונה פונעם מדרש, און מיט דעם האט ער געגעבן צו פארשטיין די ווערטער וואס שטייען ווייטער אין פסוק: "נֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם – וְהָיְתָה לּוֹ וגו' בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם", ווייל אייגנטליך דארף מען פארשטיין, וואס האט דען שלום מיט כהונה, אז דער פסוק זאגט אז ער וועט האבן אט דער בונד פון שלום פאר אן אייביגע כהונה, וואס איז דען די כהונה אנגעהאנגען אין שלום? (זע מזרחי דא אויפן פלאץ).

דעריבער זאגט דער מדרש, אז "גדול השלום", ווייל עס איז געבינדן מיט די כהונה. וויבאלד דער שורש פון די קדושה פונעם כהן איז אין די מדה פון חסד און שלום, צו משפיע זיין דער שפע פון שלום צו די וועלט. ווייל דער גאנצער יסוד פון די קרבנות פונעם מזבח, קומט דאך צו מאכן שלום צווישן די אידן און אונזער טאטע אין הימל (תנחומא יתרו יז, רש"י שמות כ כב).

און דער כהן, דורך זיין עבודה און מיט זיינע יחודים, לויפט ער אלעמאל נאכן שלום, און ער בענטשט די אידן מיט ליבשאפט און שלום, און דורך אים קומט דער צינור השפע, וואס דאס איז דער כלי וואס האלט די ברכה.

דערפאר ברענגט דער מדרש די גרויסקייט פון שלום, אז עס איז געגעבן געווארן צו פינחס, זאגנדיג אז דורכדעם איז אט די בונד פון שלום געווען פאר אים 'ברית כהונת עולם', א בונד פון אייביגע כהונה.

און אזוי טוט אויך דער נביא פאַרשטעלן די אויפגאבע פונעם כהן (מלאכי ב ה-ז): "בְּרִיתִי הָיְתָה אִתּוֹ הַחַיִּים וְהַשָּׁלוֹם וגו', תּוֹרַת אֱמֶת הָיְתָה בְּפִיהוּ, וְעַוְלָה לֹא נִמְצָא בִשְׂפָתָיו, בְּשָׁלוֹם וּבְמִישׁוֹר הָלַךְ אִתִּי וגו'", מיין בונד איז געווען מיט אים, דאס לעבן און דאס פרידן, די אמת'ע תורה איז געווען אין זיין מויל, און קיין אומרעכט איז נישט געווען אין זיינע ליפן, מיט פרידן און מיט גלייכקייט איז ער געגאנגען מיט מיר.

מיט אט די מדה לערנט אונז הלל הזקן, וואס ער איז געווען דער סימבאל פון ענוה און סבלנות (שבת ל:), אין די פרקי אבות פון דעם שבת (א יב): "הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה", דו זאלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן, דו זאלסט ליבהאבן שלום און נאכלויפן שלום, דו זאלסט ליבהאבן די מענטשן און זיי דערנענטערן צו די תורה.

דארפן מיר זען זיך צו באהעפטן אין די מדה פון אהרן הכהן (וואס זיין יומא דהילולא געפאלט ראש חודש אב) "אוהב שלום ורודף שלום", דורכן זיך פירן מיט די וועגן פון לעבן אין שלום, מיט ערליכע וועגן און מיט גוטע מידות.

->•<-

דער זייגער אויפן פערזענליכן טעלעפאן פון איינער פון די גרויסע רבנים פון ירושלים, איז איין טאג פארדרייט געווארן, און האט געוויזן אויף א שעה שפעטער ווי די ריכטיגע צייט. – אבער אויב איז דאס נישט גענוג געווען, האט די השגחה עליונה צוגעפירט אז פונקט אינעם זעלבן טאג, האט אויך דער זייגער אויפן טעלעפאן פון די חשוב'ע רעבעצן, זיך אויך געטוישט, און האט אויך געוויזן אויף א שעה שפעטער ווי עס איז געווען. דער רב און די רעבעצן, האבן פארשטייט זיך גארנישט געוואוסט פונעם טעות, און האבן בכלל נישט געוואוסט אז זייערע זייגערס ווייזן אויף א שעה שפעטער ווי געווענליך.

ווען די רעבעצן האט זיך אויפגעכאפט פארטאגס פון שלאף, האט זי א בליק געגעבן אויף איר טעלעפאן, און עס איז איר פינסטער געווארן פאר די אויגן. עס האט געוויזן אז עס איז שוין שפעט, און זי זעט ווי איר מאן דער חשוב'ער רב איז נאכנישט אויפגעשטאנען פון שלאף. אין אזא צייט זיצט שוין דער רב פארנומען מיט תורה און עבודה, זיך צוגרייטנדיג צום דאווענען מיט זיין ספעציעלן סדר. – דערשראקענערהייט, האט זי גלייך אויפגעוועקט איר מאן פון שלאף (א שעה פריער...), זייענדיג אינגאנצן פאר'צער'ט צוליב דעם שפעטיגונג!

דער רב האט זיך שנעל אויפגעוועקט און זיך געשטארקט ווי א לייב צו דינען דעם אויבערשטן, און געזאגט "מודה אני" מיט חשק און שמחה, און זיך אפגעגאסן די הענט אזוי ווי די הלכה. ארויסקוקנדיג פון פענסטער האט ער געזען אז עס איז נאכנישט ליכטיג געווארן, און כאטש אז אויך זיין זייגער האט געוויזן אז עס איז שוין שפעט, אבער ווען ער האט אויסגע'חשבונ'ט די ריכטיגע צייט לויט די פינסטערניש וואס האט געהערשט אינדרויסן, האט ער גלייך געכאפט אז עס איז דא א טעות מיטן זייגער, און די ריכטיגע צייט איז טאקע א שעה פריער...

פונדעסטוועגן, וויבאלד מען האט אים שוין אויפגעוועקט פון שלאף, איז ער נישט צוריקגעגאנגען שלאפן נאכאמאל, נאר ער האט איינגעזען, אזוי ווי ביי יעדער זאך, אז דאס איז אזוי צוגעפירט געווארן פון הימל, מיט השגחה פרטית. ער האט ארויסגענומען דערפון אז דער רצון השם איז יעצט אז ער זאל נישט צוריקגיין שלאפן, נאר אויפשטיין צו עבודת הבורא א שעה פריער ווי געווענליך!

וויבאלד ער האט שוין פון יונגוויז אן, געזוכט אלעמאל די אמת, און פראבירט צו מאכן נחת רוח פארן אויבערשטן, האט ער פארשטאנען אז אויך ביי דעם טעות, איז עס נישט א "צופאל" אזוי ווי פשוט'ע מענטשן וואלטן געזאגט, נאר עס איז פונקט אזוי צוגעשטעלט געווארן פון הימל, צוליב א געוויסע תכלית וואס מען וויל פון אויבן, אז ער זאל היינט אנהייבן זיין סדר היום, מיט א שעה פריער.

[אזוי ווי עס איז באוואוסט, אז אזוי האט זיך געפירט הגאון הגדול מוהר"ר זונדל קרויזער זצ"ל, בעל אור החמה, אז יעדן מאל וואס ער האט זיך געלייגט שלאפן, פלעגט ער גלייך אויפשטיין און אראפגיין פון בעט ביים ערשטן מאל וואס ער האט זיך אויפגעוועקט, נישט קיין חילוק ווען דאס איז געווען, אדער וועגן וועלכע סיבה דאס איז געווען. ער פלעגט דאס אננעמען אלס א צייכן פון הימל, אז מען וועקט אים יעצט אויף, וויבאלד ער מוז גלייך אויפשטיין און אנגיין מיט זיין עבודת השם! – איין נאכט, איז אנגעקומען א גרופע טוריסטן אין זיין געגנט, אין די "כנסת" שטעטלעך אין ירושלים, וועלכע האבן געמאכט א נאכט-שפאציר אין די אלטע געסעלעך פון אט דעם געגנט, וועלנדיג זען די שיינקייט פון די אלטע הייזער און הויפן פון אט דעם אלטן געגנט. ווי די שטייגער פון טוריסטן, האבן זיי הויך געשמועסט צווישן זיך, און אט האט זיך געהערט דעם לאנגווייליגע שטימע פונעם אנפירער אויף זיין הויכהילכער, איבער די היסטארישע דאטומס און די סארטן געביידעס... ביז דאס אלעס האט אויפגעוועקט דעם גאון און צדיק פון זיין שלאף, בלויז מיט א האלבע שעה נאכדעם וואס ער האט זיך געלייגט שלאפן... – ער האט זיך גלייך געשטארקט ווי א העלד, און אנגעהויבן זיין סדר פון זיינע פילע לימודים, און ער איז שוין אין יענער נאכט מער נישט צוריקגעגאנגען שלאפן!].

דער רב האט זיך שנעל גרייט געמאכט, און נאכן זיך טובל'ן אין מקוה און זיך רייניגן, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין וועג צום בית המדרש, צו לערנען און דאווענען אינדערצייט וואס דער מארגנשטערן שיינט אויף, נאך איידער דער זון וועט ארויסקומען און באלייכטן די וועלט. אין זיין הארץ האט זיך דער צדיק געפריידט אז צוליב די "טעות" וואס איז היינט געשען, וועט ער קענען בעסער אויסנוצן אט דעם געוואלדיגן צייט פון פארן נץ, מיטן דינען דעם אויבערשטן.

אזוי ווי עס באוואוסט אז אט דער צייט איז א געוואלדיגער עת רצון און א צייט פון רחמים, אזוי ווי עס ווערט ערקלערט אין צוואת הריב"ש (ס"ק טז) אז דער הייליגער בעל שם טוב האט געהייסן אז מען זאל שטארק אויסנוצן אט די געוואלדיגע צייט, אזוי ווי עס שטייט דארט, אז דער חילוק צווישן די צייט פארן נץ און די צייט נאכן נץ, איז אזוי ווי די ווייטקייט פון מזרח ביז מערב, ווייל דעמאלטס קען מען נאך מבטל זיין אלע דינים, וויבאלד ווען די זון גייט ארויס דעמאלטס גייען ארויס אלע אויסרופן, סיי צום גוטן און סיי צום שלעכטן, און איידער דער אויסרוף גייט ארויס קען מען עס נאך מבטל זיין, און דער סימן דערצו איז דאס וואס עס שטייט אין פסוק (תהלים יט, ו) 'וְהוּא כְּחָתָן יֹצֵא מֵחֻפָּתוֹ יָשִׂישׂ כְּגִבּוֹר וגו' וְאֵין נִסְתָּר מֵחַמָּתוֹ', און די ווארט "מֵחַמָּתוֹ" ליינט מען "מֵחֵמָתוֹ", דאס הייסט אז ווען די זון איז שוין ארויסגעקומען אויף די ערד, דעמאלטס קען זיך קיינער נישט באהאלטן פון די דינים וואס קומען פון די מלאכים פון צארן. דעריבער זאל דער זאך נישט זיין קליין אין דיינע אויגן, ווייל עס איז א גרויסער זאך. און דער בעל שם טוב זכרונו

המשך אין עמוד ד' <

לברכה האט זייער מדקדק געווען אויף דעם.

אזוי גייט דער רב איבער די גאסן פון ירושלים עיר הקודש, אין די לויטערע צייט, ווען אלעס ארום איז נאך ריין און פריש, און זיינע געדאנקען זענען ארויפגעגאנגען הויך־הויך, צום טאטן אין הימל, טראכטנדיג וואס וויל דער אויבערשטער יעצט פון אים, און וואס איז יעצט זיין תפקיד אויף דער וועלט, און ער וועט עס טוט מיט שמחה און הארציגקייט.

אזוי גייענדיג אין דעם ליידיגן שטילן גאס, האט דער רב פלוצלונג באגעגנט איינער פון זיינע באקאנטע ווי ער קומט אים אנטקעגן, און זיין געזיכט איז געפאלן און טרויעריג. מען האט קלאר געזען ווי ער איז מיד און נישט ביי זיך, און ער האט זיך נאכנישט אראפגעלייגט פון א נאכט פריער... ווי נאר דער רב האט אים באגעגנט, האט דער רב פארשטאנען אז דער מענטש געפינט זיך אין א שטארקן ווייטאג, וואס לאזט אים נישט שלאפן, און דאס טרויער און פארצווייפלונג נעמט אים ארום.

דער איד האט זיך זייער געפריידט צו טרעפן דעם רב, אזוי ווי א קראנקער וואס פריידט זיך צו טרעפן זיין דאקטער. אזוי האט זיך אנגעהויבן א שטיקל שמועס, ווען דער איד פראבירט אביסל אראפצולאָדענען פארן רב פון זיין פארווייטאגטע הארץ! ער איז א יונגערמאן, א טאטע פון פיר קינדער כן ירבו, וואס האט נישט זוכה געווען צו שלום אין זיין הויז. די מחלוקת'ן ציען זיך שוין א לאנגע צייט. און דער פארגאנגענער נאכט – האט דער יונגערמאן אויסגעפירט – איז געווען זייער א שווערע קריגעריי ביי אים אינדערהיים! ער איז ארויסגעקומען פון דעם מיט אַן אויספיר, אז זיי האבן שוין נישט קיין שום האפענונג פון שלום! – און יעצט האב איך באשטימט, אז מיר גייען טון די מצוה פון גירושין וואס די תורה האט געגעבן, און איך וויל געבן א גט פאר מיין ווייב! ווי גוט אז איך האב יעצט געטראפן דעם רב, אזוי וועל איך קענען יעצט באקומען א ברכה פאר הצלחה, איידער איך וועל צוגיין צום בית־דין גלייך אינדערפרי...

יעצט האט שוין דער רב גוט פארשטאנען דאס וואס ער האט צו טון... און פארוואס מען האט אים צוגעפירט פון הימל אז ער זאל אויפשטיין פריער ווי יעדן טאג, אינדערצייט וואס דער נאכט טרעפט זיך מיטן טאג, דורכן טעות פון די זייגערס – אלעס כדי ער זאל זיך טרעפן מיט אט דעם ליכטיגן יונגערמאן, אינדערצייט פון זיין שווערן טומל, און אים אפהאלטן באצייטנס, איידער ער וועט צוגיין און טון זאכן פון




וועלכע עס איז נישטא קיין וועג צוריק...

דער רב האט זיך אוועקגעזעצט מיטן יונגערמאן און געפירט מיט אים א געשמאקע שמועס, און קלאר אויסגעהערט אלע איינצלהייטן, און נאכן גרונטליך באטראכטן דעם גאנצן ענין, האט ער אראפגעלייגט זיין אייגענעם אויספיר פארן יונגערמאן, אז ווי עס זעט אויס, וועט אין דער פאל נישט העלפן קיין גט! נישט פאר אים און נישט פאר זיין ווייב, און עס וועט נאר מאכן שאדן פאר זיינע יונגע קינדער!

ווייטער האט אים דער רב ערקלערט, אז דאס וואס ער טענה'ט אז ער ליידט געפערליך פון זיין ווייב, איז דער שורש דערפון בכלל נישט אנגעהאנגען אין זיין ווייב, ווייל זי האט שוין עטליכע מאל קלאר געוויזן, דורכאויס פארשידענע תקופות, אז זי קען אויך זיין זייער א גוטע, איידעלע און געשמאקע ווייב... דעריבער ווענדט זיך דער זאך נאר אין אים אליין! דורכדעם וואס ער וועט פארריכטן זיינע מדות, און אויסרעכענען זיינע טריט מיט קלוגשאפט. זיין ווייב איז נאר א שליח פון הימל אים אוועקצושטעלן אויפן ריכטיגן פלאץ, און זיך אויסלערנען צו זיין געדולדיג, און נישט רעאגירן ווילד, נאר בויען זיך און זיין הויז מיט די וועגן פון שלום ושלוה, מיט מנוחת הדעת און מנוחת הנפש, און פירן דאס הויז אונטער די הערשאפט פונעם שכל וואס זאל הערשן איבער די געפילן פונעם הארץ, און נישט פארקערט.

א לאנגע צייט איז דער רב געזעצן מיט אים אין אט דעם עת רצון, ווען דער טאג שיינט אויף, און אים ערקלערט דאס וואס עס שטייט אין די הייליגע ספרים אויפן פסוק (בראשית ב יח) "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", אז אויך דער "כְּנֶגְדּוֹ", קעגן אים, איז אַן "עֵזֶר", א הילף, און נאר ווען ער איז נישט זוכה קומט דער הילף אויף א וועג פון "כְּנֶגְדּוֹ", אזוי ווי עס ווערט דארט ערקלערט דארט אין "העמק דבר" פונעם נצי"ב, און אין "קול שמחה", און איך האב מאריך געווען דערוועגן בעזהשי"ת אינעם ספר "טיב השידוכים" (שער התורה פר' בראשית שם).

דאס איז אזוי ווי איינער, וואס א פאליציאנט קומט צו אים און ברענגט אים דעם באפעל פונעם געריכט־הויז. קען מען זיך דען אויפרעגן אויפן פאליציאנט? ער איז דאך נאר א פאסט־טרעגער, ברענגענדיג דעם אורטייל פונעם ריכטער! – די זעלבע זאך פונקטליך, איז ביי די גאנצע פירונג פון א פרוי מיט איר מאן, אז עס ווענדט זיך לויט זיין הנהגה... פון זיך אליין ווערט די פרוי געפירט אזוי ווי מען איז איר מעורר פון הימל, אז זי זאל זיך פירן מיטן מאן לויט זיין שטייגער [נאר עס פארשטייט זיך אליין, אז די פרוי וועט דארפן געבן א דין וחשבון אויף אלעס וואס זי האט געטון צו איר מאן, ווייל "יֵשׁ דִּין וְיֵשׁ דַּיָּן", און "עַל הַכֹּל יָבִיא אֱלֹקִים בַּמִּשְׁפָּט"].

אזוי ווי עס שטייט אין ספר חסידים (סימן תשמ"ט), אז אמאל איז דא איינער וואס האט פיינט זיין ווייב, איז נישט מעגליך אז ער זאל בעטן דעם אויבערשטן אז ער זאל אים געבן אן אנדערע ווייב. נאר, אויב זי דערצערנט אים און זי איז נישט א גוטע אין זיינע אויגן, זאל ער בעטן פונעם אויבערשטן אז ער זאל איבערדרייען איר הארץ אז זי זאל אים ליבהאבן, אדער זי זאל טראגן חֵן וָחֶסֶד פאר אים אז ער זאל איר ליבהאבן און זי זאל אים ליבהאבן.

אזוי האט דער רב לאנג גערעדט מיט אים, מיט ווערטער וואס ווערן אנגענומען אויפן הארץ, און ווען דער רב האט געענדיגט דעם לאנגן באלערנדן פארטאגס שמועס, האט דער יונגערמאן געזאגט פארן רב, אז ער האט צושטערט אלע זיינע פריערדיגן פלענער... א גאנצע נאכט האט ער פלאנירט גאנצע פלענער וויאזוי צו צוברעכן זיין הויז, און יעצט האט זיך אלעס איבערגעדרייט... ווייל ער האט יעצט באקומען פון זיין רב א נייע וועג, א רעוואלוציע, א מהפיכה, אינעם גאנצן ענין! ער וויל זיך יעצט ארויסלאזן אויף א נייעם וועג, אזוי ווי דער רב האט אים אויסגעלערנט.

דורכאויס דעם קומענדיגן תקופה, איז דער יונגערמאן געשטאנען נאכאנאנד אין פארבינדונג מיטן גרויסן רב, וואס האט אים אויסגעלערנט און אנגעוויזן וויאזוי זיך צו פירן, לויט די מדה פון אהרן הכהן עליו השלום, צו זיין שטענדיג "אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה"! און בסייעתא דשמיא, מיט א פאר גוטע תפילות פונעם רב פאר זייערטוועגן, מיטן אנווייזונג פון די אויבנדערמאנטע ווערטער פונעם ספר חסידים, איז דער שלום אריינגעקומען אין זייער הויז, און זיי וואוינען צוזאמען בשלום, מיט ליבשאפט לאורך ימים ושנים טובות, און ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם.

[מתוך שיחה פרטית – כ"ט אייר תשע"ב]

# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל סייער נלבע"י אלול תשפ"ג תנצבה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצבה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצבה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173